EIRUV NEWS

דער עירוב נייעס

א פריילעכען שבת
אייך קיץ
שנת תש"ס

# א אויסטערלישע באריכט און ריפארט
# ווי עס קוקט אויס דער שבתדיגער גאס אין בארא פארק
## געשריבען פון אייגינע עקספיריענס דורך ר' דוד טרעגער

איינע פון די לעצטיגע מיטאגען פון הייליגען שבת בין איך ארויס פאר א שפאציר מיט מיינע קינדער נאך א געשמאקער טשאלענט, פאר גאנץ א לאנגע שפאציר ארום די עווענואס און די סטריט'ס פון אונזער בארימטען שטעטעל בארא פארק, אין מיין געדאנק איז געווען נאך עפעס אויסער סתם שפאצירען, אויך צו שפעקעלירען דעם היימישען ציבור זען ווי אזוי עס קוקט אויס דער פראנט פון דעם מערכה וועגען דער עירוב, איך מוז מיר מודה ומתוודה זיין עס איז געווען אסאך מער אינטרעסאנט ווי איך האב מיר פאר געשטעלט, ציילענדיג יעדע קעריטש וואס איז א דורך געפארען איז מיר געווען א עקסטערען עונג שבת, איך בין נישט געווען א יחיד וואס טראגט פון אלע זייטען האבען עלטערען און קינדער געפירט קעריטשעס, אידען מיט טליתים בייטלעך געטראגען אין די הענט, עס איז געווען א נחת צו צי קוקען ווי בארא פארק ווערט ענדלעך א שטאט ווי אלע אידישע שטעט, נאך מער פון דעם האט דאס באוויזען ווי אונזער דור הערט זיך איין צו הוראת רבותיו הגאונים מורי הוראה בישראל, גייענדיג אויף איינע פון די סטריטס שפאצירט זיך פאר מיר א ליטווישע קאפעל, און ווי איך באמערק פון גאנץ נאנט, פאר זיי גייט פאראויס א שווארצע שיקצע פירט זייערע קעריטש מיט קינדער אויך דעם מאנ'ס טלית גדול, און איך זע ווי דער ליטוואק ווייזט איר מיט די הענט אז זי זאל גיין בערך א ה'זלבע גאס פאר אום און יעדע פאר מינוט מאכט ער זיכער אז מען זאל זיי נישט זען וואקען צו זאמען, ער האט זיך פשוט געשעמט מיט איר באגלייטונג, און ווי איך שפאציער מיר דורך אויף איין מאל נעבעך האבען זיינע קינדער גענומען מאכען א ויצעקו רופענדיג דעם טאטען און די מאמע, ותעל שוועתם און דער ליטוואק האט נישט געוויסט ווי זיך אוועק צו לייגען פון בושה,ער האט נעבעך געמוזט לויפען צו די קינדער, און איך קוק מיר צו און שמייכעל עס האט אויס געזען ווי ער וואלט בעסער זיך געווינטשען זיך צו באגראבען ווי דורך צו גיין די בושה פון אמירה לנכרי'ה אין שבת, נישט ווייט פון דארט א זאפטיגע מעשה איז פאר געקומען, מיט איין מאל א יונגער־מאן פון די לוחמים איז דורך געגאנגען און ווי ער גייט טרעפט ער אן א אידישע מאמע שפאצירט מיט איר קינד אויפן וועגעלע (קעריטש בלע"ז), שאקירט און אום גלויבלעך גייט ער צו בכבודו ובעצמו און האט געגעבען א גאנצע מוסר דרשה וועגען חילול שבת, דאס יידיש ווייבעל וואס ווייסט נישט אמאל ווער דאס איז און וואס ער וויל פון איר, און ווי זי זעט אז עס שטייט פאר איר א פרעמדער מענטש טראגט אויף זיך א איצטילא דקדושה, האט זי אום צוריק געענפערט ווי עס דארף צו זיין - היתכן א חסידישע איד זאל רעדען מיט א פרעמדע פרוי ? באלט ווי דער ליטוואק האט ער זיך געוואלט איינזינקען פון בושה, א אנדערע שיינע מעשה אויף מיין וועג אהיים, א טאטע גייט מיט זיין קליינער זון א דורך, דער קליינער יונגעלע ווערט נתחנך אין דער היים אז עס איז פארבאטען צו טראגען, און דא טרעפט ער אן אנדערע אידען און קינדער טראגען אין גרויסען, פרעגט ער מיט ווינדער און קלוגשאפט, טאטי, פאר וואס מעגען זיי יא און איך נישט ? טאטי האסט מיר געזאגט אז נאר א גוי טראגט אין שבת, זענען זיי דען גויים ? איך שטיי און קוק צו, איך ווינטש קיין איינעם נישט צו זען אזאן חרפה פון חינוך, דער טאטע איז פאר גליווערט געווארען, וואס זאל ער ענפערען זיין זון ? איך גלייב אז ער קלערט נאך אלץ„ פון דארט ביז מיין הויז איז דער וועג אהיים געווען זייער געשמאק און רואיג, מען קען זען אז די יגיעה און כח וואס די חשובע פוסקים און גאונים האבען משקיע געווען פעסט צו שטעלען די מצוה פון עירוב אין אונזער שטעטעל האט שטארק מצליח געווען, און מיין הערצליכע ווארט צו די מתנגדים איז, "ווי לאנג די רעדלעך פון די קעריטשעס ראלען און דרייען זיך, ווי לאנג אידישע קינדער טראגען זייערע געברויכען, קענט איר אנפלייצען אלע בתי מדרשים און געסער מיט אייערע שווארצע גילוי דעתץ און פאשקעווילען ווי פיל אייער הארץ גליסט, ווייל עס מאכט במילא גאר נישט אויס, מיר וועלען טראגען און איר קלעבט צעטלעך, עס וועט קומען א צייט ווי מען וועט דארפען גיבען א שטארקען קראץ אויף דעם שטערען כדי אז איינער זאל קענען זאגען פאר זיין פריינט "געדענקסט עס זענען אמאל געווען מתנגדים פארען עירוב" !